**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ׳עלעקטראוואיא׳ צו גרונדן ליטיום-אייאן גיגא-פאקטארי אין טשאטאקווא קאונטי**

***׳גרינע׳ ענערגיע פירמע פלאנירט צו שאפן ביז 250 דזשאבס ביי איר ערשטן אמעריקאנעם פאבריק***

***סטעיט געלטער וועלן העלפן אויפבויען באטערי טעכנאלאגיע און פאבריצירונג איינריכטונג צו שטיצן די נאציאנאלע ערפינדונגען און האנדלעריי אין פארגעשריטענע ׳נעקסט-דזשענערעישען׳ באטערי פראדוקציע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז ׳עלעקטראוואיא אינק.׳, א פראדוצירער פון ליטיום-אייאן באטעריס פאר טראנספארטאציע און יוטיליטי סטאָרעדזש, האט אויסגעקליבן דעם טאון עליקאט אין טשאטאקווא קאונטי אלס׳ן ארט פון איר ערשטע פאבריק אין די פאראייניגטע שטאטן. די פובליק פארהאנדלטע פירמע וועט שאפן איר נייסטע פראדוקציע איינריכטונג, שאפנדיג ביז 250 דזשאבס און, ווען פולשטענדיג אפעראציאנעל, פראדוצירן איבער א GWh באטעריס יערליך. די אינוועסטירונגען שטיצן די ברייטערע ׳נייע ענערגיע ניו יארק׳ אינציאטיוו, וועמענס ציל עס איז אוועקצושטעלן א נאציאנאלע צענטער פאר באטערי טעכנאלאגיע ערפינדונגען און פראדוקציע.

״ניו יארק סטעיט האלט אן ווייטער שפילן א פירנדער ראלע אין די פארשונג און אנטוויקלונג פון טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע, ׳קאטינג-עדזש׳, און אינאווירנדע ענערגיע טעכנאלאגיעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אדאנק סטעיט רעסאָרסן, ברענגט ׳עלעקטראוואיא׳ ביז 250 דזשאבס צו טשאטאקווא קאונטי און מאכט טיפער ניו יארק׳ס באשעפטיגונג מיט דעם אויפשטייגנדן ריינע ענערגיע סעקטאר. דער געלויף איז שוין אין שוואנג אויף צו כאפן די הויך-באצאלנדע דזשאבס וואס קומען מיט ריינע טעכנאלאגיע, און עס געפונט זיך נישט נאך אן ארט ווי ניו יארק פאר די מעניופעקטשורערס צו שטייגן, אפערירן און בליען.״

די פירמע וועט אויפשטעלן אפעראציעס ביי 1 Precision Way אין א פרואוו ארייננצוטאפן אין דעם שטארקן ליטיום-אייאן פארלאנג פאר עלעקטראנישע פארקליפטס, טראקס און באסעס. ׳עלעקטראוואיא׳ האט אויסגעקליבן דער דרום׳דיגער טשאטאקווא קאונטי איינריכטונג נאכ׳ן באשטימען אז עס איז דער בעסטער ארט פאר די פירמע צוצושטעלן סערוויסעס צו איר שטייגנדע קאסטומער באזע אין די פאראייניגטע שטאטן, צוליב איר גוניטע ארבעטסקראפט און באנייבארע עלעקטרישע קראפט צו געפונען, צווישן אנדערע מעלות.

**CEO פון ׳עלעקטראוואיא׳ דר. ראדזש דאס גופטא האט געזאגט,** ״אזוי ווי די פאראייניגטע שטאטן און די וועלט לאזן זיך אריין אין א פרעצעדענטלאזע פאזע פון אויפבלי פאר עלעקטרישע פארצוג און עלעקטרישע באוועגונגס-מיטלען, זענען ליטיום-אייאן באטעריס און די שטאנדטיילן אינדערינען העכסט-נייטיג פאר די אינדוסטריע׳ס הצלחה. ׳עלעקטראוואיא׳ שטאלצירט זיך צו ברענגען אונזער

שטאנדהאפטיגע טעכנאלאגיעס און צוגאנגען צו ניו יארק סטעיט, אלס ׳עלעקטראוואיא׳ס׳ ערשטע קאמערשעל איינריכטונג אין די פאראייניגטע שטאטן. די איינריכטונג וועט פראדוצירן ליטיום אייאן צעלן און מאדיולס, קריטישע שטאנדטיילן פאר׳ן פראדוצירן ליטיום אייאן באטעריס. עס פריידט אונז צו שטיצן דאס שאפן הויכע קוואליטעט דזשאבס אין טשאטאקווא קאונטי, און מיר קוקן ארויס מיט חשק צו אונזער ווייטערדיגע בליאונג אין מערב ניו יארק.״

׳עלעקטראוואיא אינק.׳, מיט אינדוסטריע-פירנדע פונקציאנירונג און באדייטנדע אינטעלעקטועלע נכסים (׳אינטעלעקטשועל פראפערטי׳), איז א פירער אין דער אלוועלטליכער ענערגיע טראנספארמאציע, פאקוסירנדיג אויף ביישטייערן צום פארמיידן קלימאט ענדערונג דורכ׳ן סופליי פון זיכערע און לאנג-דויערנדע ליטיום אייאן באטעריס. ׳עלעקטראוואיא׳ ארבעט אויס, פונעם אויסצייכענען ביז פראדוקציע, אייגן-געשאפענע ליטיום-אייאן באטעריס, באטערי סיסטעמען און באטערי-פארבינדענע פראדוקטן פאר ריינע סטאָרעדזש, ריינע עלעקטרישע טראנספארטאציע און אנדערע ספעציעליזירטע אנווענדליכקייטן.

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) העלפט ארויס דעם פראיעקט מיט ביז 4 מיליאן דאלער דורך די פונקציע-באזירטע ׳עקסעלסיאָר דזשאָבס טעקס קרעדיט׳ פראגראם און 2.5 מיליאן דאלער אין ראיאנישע קאונסיל קאפיטאל פינאנצירונג אויף אוועקצושטעלן די פראדוקציע און פאבריצירונג איינריכטונג פאר ליטיום-אייאן באטעריס ביי א געוועזענער מעניופעקטשורינג איינריכטונג, אויסניצנדיג דאס שאפן 250 נייע דזשאבס און די פראדוקציע פון GWh1 באטערי און ענערגיע סטאָרעדזש מכשירים במשך די קומענדע פינף יאר. אין יולי, האט די ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט (NYPA) באורד אוו טראסטיס באשטעטיגט א מער ווי 1.5-מעגעוואַט נידעריגע-קאסט הײדראָ-ענערגיע אלאקירונג צו דזשעימסטאון אונטער די פאווער אויטאריטעט׳ס אינדוסטריעלע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם נאכצוקומען די געשטיגענע עלעקטרישע לאסט אלס רעזולטאט פון ׳עלעקטראוואיא׳ס׳ טאון אָוו עליקאט פארברייטערונג. די אנהייב קאסטן פאר דער איינריכטונג איז באשטימט געווארן אויף אומגעפער 75 מיליאן דאלער, און עס איז ערווארטעט זיך צו עפענען אין הערבסט 2023.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״׳עלעקטראוואיא׳ס׳ באשלוס אוועקצושטעלן א נייע ליטיום-אייאן באטערי מעניופעקטשורינג פאבריק אין טשאטאקווא קאונטי צייכנט אפ נאך א באדייטנדע טריט צו עררייכן גאווערנער האוקול׳ס אגרעסיווע ריינע ענערגיע צילן. דורך שטיצן דעם אויפשטייגנדן סעקטאר, שאפט ניו יארק סטעיט הונדערטער דזשאבס, און טוט גלייכצייטיג אויך מאכן שטייגן אונזער אלוועלטליכע פירערשאפט אין דעם געביט פון ענערגיע סטאָרעדזש און פארגעשריטענע באטערי אינדוסטריעס.״

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״**ניאגארא** הײדראָ-פּאַווער איז העכסט-נייטיג צו מערב ניו יארק׳ס גיך-אויפשטייגנדן עקאנאמיע. דורך שטיצן ׳עלעקטראוואיא׳ס׳ פארברייטערונג מיט ריינע, באנייבארע הײדראָ-פּאַווער, שטיצט ניו יארק הונדערטער דזשאבס אין אן אינדוסטריע וואס וועט העלפן פאראויס-פירן גאווערנער האוקול׳ס לאנד-ווערוויייזיגע ריינע ענערגיע אגענדע.״

**׳מערב ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל׳ מיט-פארזיצער און ׳באפעלאו סטעיט קאלעדזש׳ פרעזידענטקע דר. קאטערינע קאנוועי-טורנער האט געזאגט,** ״פארלאנג וואקסט פאר ריינע ענערגיע שטאנדטיילן ווי באטעריס, אן מערב ניו יארק ארבעט צו זיין ביים סאמע פארנט פון דער אינדוסטריע פונעם צוקונפט. פירמעס ווי ׳עלעקטראוואיא׳ ברענגען נייע דזשאבס און נייע אינוועסטירונג צו טשאטאקווא קאונטי, אדאנק ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן ריינע ענערגיע און אינאוואציע.״

**מערב ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער און קאמפוס לעבס מיט-פארזיצער עריק רייך האט געזאגט,** ״מיר קוקן ארויס צו ׳עלעקטראוואיא׳ס׳ נייע באטערי

מעניופעקטשורינג איינריכטונג קומענדיג קיין טשאטאקווא קאונטי. דער REDC שטאלצירט זיך אז מערב ניו יארק מאכט וואקסן איר ריינע ענערגיע עקאנאמיע מיט דער מערקווירדיגע ביזנעס אונטערנעמונג, וואס וועט ברענגען נייע דזשאבס און בליאונג פאר די איינוואוינער פון אונזער ראיאן.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ניו יארק באטערי און ענערגיע סטאָרעדזש טעכנאלאגיע קאנסארטיום דר. וויליאם אקע האט געזאגט,** ״NY-BEST איז באגייסטערט אויפצונעמען ׳עלעקטראוואיא׳ צו ניו יארק סטעיט. אלס א פירער אין פארגעשריטענע ליטיום-אייאן באטעריס, וועט ׳עלעקטראוואיא׳ זיין א וויכטיגע צוגאב צו אונזער פעסטער און שטייגנדער עקא-סיסטעם פאר דער באטערי און ענערגיע סטאָרעדזש אינדוסטריע אין ניו יארק, ברענגנדיג נייע געניטע דזשאבס און שטיצנדיג ניו יארק׳ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע.״

**פרעזידענט און CEO פון ׳אינוועסט באפעלאו ניאגארא׳ טאם קוטשארסקי האט געזאגט,** ״׳עלעקטראוואיא׳ס׳ באשלוס וואלידירט באפעלאו ניאגארא׳ס ארבעטסקראפט, געאגראפישע גינציגקייט אויף׳ן קאנאדישער-אמעריקאנער גרעניץ און איר סטאטוס אלס א דעסטינאציע פאר אינאווירנדע פירמעס וואס טוען וויכטיגע ארבעט. מיר זענען באגייסטערט אויפצונעמען ׳עלעקטראוואיא׳ צו מערב ניו יארק׳ס וואקסנדע זאמלונג פון פירמעס פאקוסירט אויף ריינע ענערגיע טראנספער און אפהאלטן קלימאט ענדערונג.״

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש עם. בארעלא האט געזאגט,** ״קאנגראטולאציעס צו אלע וואס האבן געהאלפן איינשאפן נאך אן עקאנאמישע אנטוויקלונג געווינס פאר טשאטאקווא קאונטי און אונזער גאנצער ראיאן. אונזער קאמיוניטי האט איבערצייגט נאכאמאל און נאכאמאל אז עס פארמאגט די ארבעטסקראפט, אינפראסטרוקטור און ביזנעס-פריינטליכע פירערשאפט וואס מעניופעקטשורערס ווי ׳עלעקטראוואיא׳ זוכן. די פירמע׳ס פארווערטס-פאקוסירטע טעכנאלאגיע וועט זיין א גינציגע הוספה צו אנדערע שטייגנדע אינדוסטריעס אין דעם געגנט אוןביישטייערן צו דזשאב און עקאנאמישע אויפשטייג אין די בעפארשטייענדע יארן.״

**אסעמבלי-מיטגליד ענדרו גודעל האט געזאגט,** ״עס איז גרויסע נייעס אז דער טשאטאקווא קאונטי IDA, איר שטאב מיטגלידער און קאונטי עקזעקיוטיוו וואנדעל האבן צוגערעדט ׳עלעקטראוואיא׳ פארצוזעצן מיט איר ליטיום באטערי מעניופעקטשורינג פלענער אין דזשעימסטאון.  די פראדוקטן וועלן שפילן א הויפט ראלע אינעם צוקונפט.  אונזער געגנט האט א שטאלצע געשיכטע פון געטרייע און הויכע קוואליטעט ארבעטער וועלכע וועלן בלי ספק מאכן דעם פראיעקט אן ערפאלג.״

**טשאטאקווא קאונטי עקזעקיוטיוו פאול עם. וואנדעל האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אז ׳עלעקטראוואיא׳ האט אויסגעקליבן טשאטאקווא קאונטי אלס אן ארט צו פארברייטערן אירע אפעראציעס. איר אינוועסטירונג וועט ברענגען נייע חיות צו דער אלטער הײדענהיין איינריכטונג ביי דעם ׳מעיסאן אינדוסטריעלע פארק׳ אזוי ווי די פירמע זעצט פאר ווייטער איר ערפאלג אין ליטיום באטערי פראדוקציע בשעת׳ן גלייכצייטיג שאפן ביז 250 דזשאָבס אין אונזער קאונטי אין משך פון 10 יאר.״

**טאון אָוו עליקאט סופערווייזערין דזשענעט באומען האט געזאגט,** ״דער טאון אָוו עליקאט פריידט זיך און איז דערהייטערט צו האבן ׳עלעקטראוואיא׳ אלס דער נייסטער ביזנעס הוספה צום ׳מעיסאן אינדוסטריעלע פארק׳.  דאס איינקויפן דער געוועזענער הײדענהיין פראפערטי גיבט צו נאך א שטיקל צום ציל פון אנפילן דעם אינדוסטריעלן פארק.  מיר נעמען אויף מיט צופרינדהייט דעם גאר ערפאלגרייכן קאנאדישן ביזנעס, ׳עלעקטראוואיא׳, צום טאון אָוו עליקאט.״

**דעפיוטי קאונטי עקזעקיוטיוו פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג און CEO פון דעם קאונטי פון טשאטאקווא אינדוסטריעלע אנטוויקלונג אגענטור מארק גייסע האט געזאגט,** ״איך בין דאנקבאר אז

דער CCIDA קען האבן א חלק אין איינשאפן א פאראנטווארטליכע פארטיי אין אן אויפקומענדער אינדוסטריע אויף איינצוקויפן און אינוועסטירן אין דער וואונדערליכער געביידע און עס צוריק לייגן אין פראדוקטיווע באניץ. דער CCIDA וועט פארזעצן ווייטער צו ארבעטן מיט ׳עלעקטראוואיא׳ זיכער צו מאכן אז זיי האבן די שטיצע-מיטלען אין וואס זיי נייטיגן זיך אויף צו שטעלן אין גאנג פראדוקציע און זענען שטאנדהאפטיג אינעם לאנגען טערמין. אויסער ׳עלעקטראוואיא׳, וויל איך דאנקען ׳אינוועסט באפעלאו ניאגארא׳, ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, דעם טאון אָוו עליקאט, די CCIDA מאנשאפט, ניו יארק סטעיט פאַווער אויטאָריטעט, האננא האלט ריעלטי (מעליסע אובער) און אלע אנדערע פארמישטע פארטייען וואס האבן געהאט א האנט אין ברענגען דעם פראיעקט צו דער ווירקליכקייט.״

**דזשעימסטאון באָורד אוו פובליק יוטיליטיס גענעראל פארוואלטער דעיוויד על. לעדערס האט געזאגט,** ״וואספארא אבסאלוט גוטע נייעס פאר טשאטאקווא קאונטי און דער ברייטערער דזשעימסטאון געגנט! די דזשעימסטאון BPU טעריטאריע בלייבט גאר א צוציענדער לאקאציע פאר פאבריצירן ביזנעסער און די BPU באָורד מיטגלידער און שטאב זענען באגייסטערט אויפצונעמען ׳עלעקטראוואיא׳ צו אונזער קאמיוניטי. אונזער ציל איז צוציען ריינע ענערגיע און קלימאט טעכנאלאגיע פראדוקציע פירער צו דזשעימסטאון און דער נייער ליטיום-אייאן באטערי און צעל פראדוצירער איז א באגייסטערנדע צוגאב צום אינדוסטריעלן צענטער אויף דעם מזרח טייל פון אונזער סיסטעם. מיר זענען אנטשלאסן צו שטיצן די ׳עלעקטראוואיא׳ מאנשאפט און זיי העלפן בליען אין זייער נייעם פאבריק.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418